בס"ד. ר"ד מה שזוכרים ממה שדיבר כ"ק אדמו"ר שליט"א,
על הב"מ של הת' שד"ב שי' גרודצקי, תמוז ה'תשי"א.

א. בכלל איז די מאמרים וואס די רביים פלעגן זאגן אויף בר מצוה פלעגט זיך דער מאמר אנהויבן נעשה אדם בצלמנו כדמותינו. דאס וואס עס איז פאראן בר מצוה מאמרים מיט א אנדער אנהויב, איז אדער ס'איז טאקע באמת געווען מיט דער אנהויב נאר אין כתב איז דאס ארויסגעבן געווארן אנדערש, אדער עס איז געווען אויף דער בר מצוה נאך א מאמר וואס יענער מאמר האט זיך אנגעהויבן נעשה אדם.

וויבאלד אז די רביים פלעגן אנהויבן מיט דעם אנהויב, איז מובן אז בר מצוה איז שייך צו בחי' אדם, דארף מען פארשטיין, אין די פיר סוגים פון אדם איש גבר אנוש איז אדם דער סוג המעולה שבהם, היינט א בר מצוה, ד.ה. באלד בשעת התחלה העבודה, איז ווי איז ער שוין שייך לבחי' אדם, וואס דאס איז דער גמר ותכלית העבודה?

ב. דער ענין איז: דער מקור וואס צו י"ג שנה דוקא ווערט מען א מחויב במצות איז פאראן אין דעם צוויי דיעות. א) דעת רש"י, וואדום עס שטייט ביי שמעון ולוי דער לשון איש, איש חרבו, וואס זיי זיינען יעמאלט אלט געווען י"ג שנה. איז פון דעם א ראי' אז צו י"ג שנה ווערט מען איש, א גדול. ב) דעת הרא"ש אז דאס איז בכלל השיעורים שניתנו הלכה למשה מסיני.

דאס הייסט אז דער חילוק פון די צוויי דיעות איז, אז דעת רש"י איז אז דאס איז א ענין פון מציאות, אז עפ"י רוב איז צו י"ג שנה ווערט מען א מציאות, און דעת הרא"ש איז, אז דאס איז א דין.

ונ"מ להלכה לדין בני נח, דלדעת רש"י אז עס איז א ענין התלוי בטבע המציאות, איז ניט קיין אונטערשייד פון אידן ביז בני נח, ולדעת הרא"ש אז עס איז שיעורים שניתנו הלכה למשה מסיני, זיינען די שיעורים געגעבן געווארן צו אידן דוקא און ניט צו בני נח, ד.ה. אז ביי זיי איז דא דער חיוב אויך פריער.

ג. די נ"מ פון די ביידע דיעות איז אין עבודה איז: אלעס וואס הויבט אן א איד צו ווערן מחויב במצות און מקיים זיין זיי. לויט די ערשטע דיעה איז דער חיוב מצד טו"ד, בשעת ער ווערט י"ג שנה, ער ווערט א גדול בדעת, איז ער מחויב במצות, און לויט די צווייטע דיעה איז דער התחלת קיום המצות מצד קב"ע, וואדום אין דעת האט אים פריער אויך ניט געפעלט, איז וואס איז דא צוגעקומען, - דאס וואס מען האט אים איצטער געהייסן, ניט קוקנדיק אז אין זיין מצב האט גארניט געביטן, פונדעסטוועגן, זאגט אים די תורה, קוק ניט אויף דיין מצב, זיי מקיים מצות ווייל דער אויבערשטער הייסט.

נאך מערער: אפי' לפי דעת רש"י אז דער חיוב איז מצד דעם וואס ער איז געווארן א גדול בדעת, איז אפי' לדיעה זו, וואו ווערט אין דער תורה דאס מרומז, אין דעם וואדט ויקחו איש חרבו, עס איז טאקע איש, דעת, אבער ויקחו חרבו, מס"נ. דאס הייסט אז אויך השגה דארף מען אויסנוצן בקב"ע ומס"נ.

ודוגמא לזה: עס שטייט ראה נתתי לפניך את החיים ואת הטוב את המות ואת הרע, ובחרת בחיים. ולכאו' נאך וואס דארף מען אויספירן דעם ובחרת בחיים? ער וועט דאך במילא אויסקלייבן אין חיים, נאך דעם וואס מען ווייזט אים אן אז דאס איז חיים וטוב און דאס איז

- מות -

מות ורע, נאך וואס דארף מען אים הייסן אויסקלייבן בחיים? נאר דער ענין איז, אז נאך די גאנצע התבוננות אז דאס איז חיים וטוב, איז ווען מען הייסט אים ניט לבחור בחיים, איז ער א פרייער מענטש און קאן בוחר זיין וואו ער וויל, ובחירתו בחיים וועט זיין נאר מצד השגתו, ובמילא בהגבלה, זאגט מען אים ובחרת בחיים, מען הייסט דיר לבחור בחיים, און נאך די גאנצע התבוננות דארף מען בוחר זיין בחיים ווײַלע דער אויבערשטער הייסט.

און דאס איז די נ"מ פון איש מיט אדם, איש איז דעת און ארם איז מסי"נ, וואס דאס איז דער תכלית העבודה (אמר שמט"נ הייסט ניט אראפוואַרפן זיך פון דאך, רק יש בכל תנועה ותנועה, ואמר איזה דוגמא ע"ד, חסר). מיינט מען ניט אז צום אנהויב דארף מען זיין בטו"ד און ערשט דערנאך אנהויבן מיט קב"ע ומס"נ, נאר באלד די התחלה דארף זיין במס"נ, און הגם אז עס איז א ענין פון איש, השגה, דארף מען באלד די השגה אויך אויסנוצן אין דעם כנ"ל, און דערפאר האבן די רביים געזאגט נעשה אדם ווײַלע דאס איז דער יסוד העבודה.

בס"ד. קטע מר"ד על הב"מ של התי' שד"ב שי' גארדעצקי, יום ה' כ"ב תמוז, ה'תשי"א

רשימה פרטית בלתי מוגה

דיבר הרבה בענין מס"נ ואמר כמ"פ: מען דארף זיין מס"נ אידן, ולבסוף סיים, מ'זאל נאר אויסנוצן (המס"נ) אין א גוטן אופן.

סיפר שכ"ק מו"ח אדמו"ר סיפר לו שבשנת עת"ר על האסיפה הי' המס"נ של אביו כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע להפליא בלי הגבלות, וכ"ק מו"ח הי' - ופעם האט ער זיך ניט איינגעהאלטן ואמר לאביו אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע בדרך צחות: דיין גליק איז אז עס רעדט זיך ניט אין שו"ע וועגן מס"נ, כי אם זה הי' בשו"ע, הי' הגבלות בזה, ועכשיו שאי"ז מבואר בשו"ע, קאן ער פראוועז מס"נ אן א שיעור.

* * *

**בס״ד. ר״ד בעת חגיגת בר־מצוה*, כ״ב תמוז, ה׳תשי״א.**

בלתי מוגה

דובר אודות החילוק בין התוארים ״איש״ ו״אדם״ בשייכות לגדר החיוב במצוות דבן י״ג שנה — מצד התכונה הטבעית של ההגדלה בשכל ודעת או מצד הלכה למשה מסיני, וענינם בעבודה, עבודה ע״פ טו״ד ועבודה מצד קבלת עול ומסירת נפש שלמעלה מטו״ד — הוגה ע״י כ״ק אדמו״ר שליט״א, ונדפס בלקו״ש חט״ו ע׳ 289 ואילך.

(כשדיבר ע״ד העבודה מצד מסירת נפש — סיפר כ״ק אדמו״ר שליט״א:)

כ״ק מו״ח אדמו״ר סיפר לי אודות גודל המס״נ של אביו, כ״ק אדמו״ר (מהורש״ב) נ״ע, בעבודתו בענין ועידת הרבנים בפטרבורג שהיתה בשנת עת״ר[1] — שהמסירת־נפש שלו היתה באופן מופלא, ללא הגבלות כלל[2]. והוסיף (כ״ק מו״ח אדמו״ר) לספר, שפעם אחת לא הי׳ יכול להתאפק, ואמר לאביו — בדרך צחות — ש״מזלו״ הוא שהחיוב דמס״נ לא נזכר בשולחן־ערוך, שכן, אילו הי׳ נזכר החיוב דמס״נ בשו״ע, היו בזה הגבלות, ועכשיו שלא נזכר בשו״ע, יכול לקיים (״פּראַוועז״) מס״נ ללא שיעור!...

(וסיים כ״ק אדמו״ר שליט״א:)

צריכים להיות יהודים של מסירת נפש (״מ׳דאַרף זיין מסירת־נפש אידן״), אלא, שינצלו המס״נ באופן טוב (״אויף אַ גוטן אופן״).

---

*) של הת׳ שלום דובער גורודצקי.

1) ראה אודותה — ״מבוא״ לאג״ק אדמו״ר מוהרש״ב ח״א ע׳ 35 ואילך. וש״נ.

2) ראה גם שיחת י״ב תמוז ס״ל (לעיל ע׳ 211).